# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת במדבר שבועות תשפ"ה שנה י | גליון מס' 583

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל פון תפילה אין די פרשה

### די עיקר פון תפילה – זיין לפני ה'

**"אִישׁ עַל דִּגְלוֹ בְאֹתֹת לְבֵית אֲבֹתָם יַחֲנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִנֶּגֶד סָבִיב לְאֹהֶל מוֹעֵד יַחֲנוּ"** (ב ב)

דעם פסוק "סביב לאהל מועד יחנו" ערקלערן די חכמי המדרש (במ"ר ב ט, הובא ברש"י על אתר), אז דער מחנה ישראל איז נישט געווען ווייט מער פון צוויי טויזנט אמות פון די משכן, כדי אויך שבת זאל מען קענען קומען און דאווענען אקעגן די ארון. אזוי אויך ווען יהושע איז געגאנגען איינעמען יריחו, האט ער געזאגט פאר די אידן (יהושע ג ד): "אך רחוק יהיה ביניכם ובינו כאלפים אמה" - זיי זאלן זיך נישט דערווייטערן פון די משכן מער פון צוויי טויזנט אמה, כדי זיי זאלן קענען קומען און דאווענען נעבן די ארון אין שבת.

פארוואס האט משה און יהושע זיך געזארגט אז די אידן זאלן קומען דאווענען אום שבת נעבן דעם ארון?

ערקלערט דער **'מנחת אלעזר'**:

ווייל שבת איז דער צייט וואס איז באשטימט אויף תפילה און די תפילות ווערן אין דעם טאג מער אנגענומען, אזוי ווי עס איז מרומז אין די ר"ת פון איר נאמען - "שגורה **ת**פילתי **ב**פי", דערפאר, סיי משה פארן איינעמען דאס לאנד און סיי יהושע פארן איינעמען יריחו, האבן זיי מעורר געווען מען זאל באזונער אכטונג געבן מ'זאל זיך צוזאמנעמען שבת אין א הייליגע פלאץ און דאווענען אויף זייער הצלחה.

דער 'מנחת אלעזר' לייגט צו און זאגט אז די מעלה פון תפילה אין שבת שטייט געשריבן דווקא אין די פרשה, ווייל אין רוב יארן ליינט מען די פרשה א שבת בעפאר יו"ט שבועות (ראה 'שלחן ערוך' או"ח תכח ד ו'ביאור הלכה' שם), און מיט דעם דערמאנט די תורה אז אין דעם טאג זאל יעדער דאווענען אז ווען עס קומט יו"ט שבועות זאל יעדער באקומען זיין חלק אין תורה, און אזוי ווי מיר בעטן ביי די שבת'דיגע תפילות "ותן חלקנו בתורתך". אויסער די ספעציעלע מעלה פון א תפילה אין שבת וואס ווערט מער אנגענומען, איז דאך אין דעם שבת אנגעהאנגען אלע השפעות וואס דארפן אראפקומען אין דעם קומענדיגן וואך, און כדי מיר זאלן אין זיי זוכה זיין דארף מען דאווענען פריער אין שבת.

דער בעל **'מרגליות הים'** ערקלערט אז משה און יהושע האבן מקפיד געווען אז די אידן זאלן קומען דאווענען נעבן די ארון אין שבת אזוי ווי די אנדערע טעג פון די וואך, ווייל שטיין פארן אויבערשטן ביים דאווענען איז פון די יסודות פון תפילה. אזוי זעט מען אין רמב"ם וואס ברענגט ביי די מצוה פון תפילה (ספר המצוות עשה ה) די דרשה פון די חכמים (מדרש הגדול ראה) פון דער לשון הפסוק (דברים ו יג): "וְאֹתוֹ תַעֲבֹד" - "עבדהו במקדשו", און ערקלערט: "כלומר, ללכת שם להתפלל בו ונגדו". זעט מען פון דעם, אז די הלכה איז א טייל פון די מצוה פון תפילה. און ווייל מעיקר הדין איז ראוי אז די אידן זאלן דאווענען דווקא פארן ארון, דערפאר האבן משה און יהושע באפוילן די אידן זאלן זיך געפונען אין שבת נאנט צום ארון.

'חמשה מאמרות'; 'נפש חיה' [לר"ר מרגליות] או"ח תצ ג

## קול אמונים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### תנו כבוד - פאר די - ברכות התורה

יעדן אינדערפרי זענען מיר זוכה צו זאגן ברכות התורה און מיט דעם שטעלן מיר אוועק דעם יסוד אויף דעם נייעם טאג, א טאג פון תורה און מצוות. אין די ברכות, אויסער די דאנק אויפן באקומען במתנה די תורה, בעטן מיר אויך אויף אונז, אונזערע קינדער און אייניקלעך - אויך די וואס וועלן געבוירן ווערן, מיר אלע זאלן זוכה זיין צו תורה לשמה, דורך זיך באהעפטן צום "נותן התורה".

די ברכות ענדיגן זיך מיט א לשון הווה - "המלמד תורה לעמו ישראל", "נותן התורה". פון דער טאג פון קבלת התורה ביזן היינטיגן טאג, שענק אונז הקב"ה די תורה יעדן טאג עקסטער, און מיר דארפן עס נאר וועלן נעמען.

די ברכות דארפן מיר זאגן הויעך, אין די אויערן פון איינער וואס וועט זיי פארענדיגן מיט ענטפערן אמן. קען דען זיין אז פונקט די ברכות התורה, וואס סימבאלעזירט די מעמד הר סיני און מסירת התורה פון איין דור צו די קומענדיגע דור, וועט געזאגט ווערן אויף נישט א שלימות'דיגן וועג? קען דען זיין אז די וואס לערנען פלייסיג וועלן גרינגשעצן ביים זאגן די ברכה און עס נישט זאגן בשלימות?

און נאך: דעם חיוב פון ענטפערן אמן לערנען ארויס די חכמים פון דער פסוק וואס באפעלט אויף ברכת התורה (דברים לב ג): "כִּי שֵׁם ה' אֶקְרָא הָבוּ גֹדֶל לֵאלֹקֵינוּ", און זיי ערקלערן אז משה רבנו האט געזאגט צו די אידן: "כִּי שֵׁם ה' אֶקְרָא" ביי ברכת התורה, זאלט איר "הָבוּ גֹדֶל" מיטן ענטפערן אמן (ראה ברכות כא א ורש"י שם ד"ה כי).

אויב אזוי, אויב יעדע ברכה דארפן מיר משלים זיין מיט ענטפערן אמן, איז ברכות התורה - על אחת כמה וכמה!

מיר אלע גלוסטן, זענען מחנך און דאווענען זוכה זיין צו זען א דור ישרים מבורך. אויב מיר וועלן מקפיד זיין מכבד זיין די ברכות התורה, זיי זאגן בשלמות, ד.מ.: אויפן קול, מיט כוונה און מיט א חברותא, וועט אונזער בקשה: "ונהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו וצאצאי עמך בית ישראל כולנו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה", זיכער אנגענומען ווערן.

**מיט א רוף "אז מסיני נצטוו"!**
**א גוט שבת**

יעקב דוב מארמערשטיין

**בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר כַּהֲלָכָה**

**בְּקוֹל בְּכַוָּנָה בְּחַבְרוּתָא**

## — רמזים פון ישועה —

אן עקאנאמישע קריזיס איז א שווערע און ביטערע נסיון. עס קען שלאגן מיטן גאנצן קראפט, מיטאמאל אריינווארפן א גאנצע משפחה אין אן תהום פון אומזיכערקייט און צעמישעניש. אבער אמאל, דווקא אין די שווערסטע מאמענטן ווערט אנטפלעקט די כח פון אמונה, און די קריזיס אליין ווערט א ריזיגער כח פאר א רוחניות'דיגער וואוקס. אזוי האט אויך פאסירט אין אונזער געשיכטע - א אמת'ע געשיכטע וואס איז געשיקט געווארן צו אונז און איז געשריבן אויף אזא וועג צו באהאלטן צו די פריוואטקייט פון די בעלי המעשה.


**שוין אויפן וועג צוריק פון כותל המערבי, האט פלוצלינג געקלונגען דער טעלעפאן אין זיין טאש. עס האט זיך געהערט א באקאנטע שטימע - א פריינד פון זיין יוגנט מיט וועמען ער האט נישט גערעדט יארן. דער פריינד האט אים איבערראשט מיט אן אומגעראכטענעם פארשלאג:**





ר' חיים האט שווער געארבעט צו פארדינען זיין פרנסה. ער האט קיינמאל נישט געלעבט קיין לעבן פון לוקסוס, אבער ער האט פארדינט צו קענען שפייזן זיין משפחה בדרך כבוד. אבער אין איין מינוט האט זיך זיין לעבן איבערגעדרייט. א קליינע טעות האט צוגעברענגט צו א ערנסטן פינאנציעלע קריזיס, וואס האט אים איבערגעלאזט מיט שווערע חובות.

פון יענעם טאג אן האט זיך זיין וועלט געטוישט. ער האט געזען ווי זיין משפחה מוטשעט זיך צוצופאסן צו דעם נייעם לעבן אין וועלכן יעדע פיאסטער ווערט אויסגערעכנט. ער האט נישט געהאט קיין ברירה נאר צו איינצוימען דאס עסן, עלעקטער, און אפילו וואסער. און נישט נאר דער קערפער האט באצאלט דעם פרייז - נאר אויך דער גייסט איז געווארן געשעדיגט. די שמחה וואס האט געהערשט אין שטוב האט צוביסלעך אנגעהויבן פארשווינדן ווערן.

ביינאכט איז פאר ר' חיים שווער געווען צו פארמאכן זיינע אויגן. די דאגות האבן אים געפלאגט. אין יענע שווערע נעכט, האט ער איינגעזען ווי ריכטיג זענען די ווערטער פון די חכמים: "עני חשוב כמת".

אין טאג האט ר' חיים באשלסן גיי צום כותל המערבי. ער האט זיך דארט אוועקגעשטעלט איבערגעבויגן און צובראכן, און געמורמלט א תפילה ווען הייסע טרערן רינען אויף זיינע באקן, ריבונו של עולם וויפיל קען איך נאך אויסהאלטן?

ער האט געוואלט זיך אונטערנעמען א חיזוק אין א געוויסע גוטע זאך ס'זאל אים זיין פאר א זכות. אבער וואס? האט ער באשלאסן עפענען א תהילים און זאגן א פסוק נאך א פסוק, א ווארט נאך א ווארט, האפנדיג אז פון הימל וועט מען אים ליכטיג מאכן די אויגן.

ווי מער ער האט זיך פארטיפט אין זאגן תהלים, האט ער געפילט א באזונדערע שייכות מיט די פסוקים וואס רעדן איבער די ענגשאפט פון דער ארימאן. און דעמאלטס האבן זיינע אויגן אויפגעכאפט דעם פסוק (ט יט): "כי לא לנצח ישכח אביון". ער האט איבערגעזאגט די ווערטער עטליכע מאל, אינמיטן האט ער באמערקט אז די ר"ת פון: "כי לא לנצח ישכח אביון" זענען גימטריה "אמן". אלס א שטענדיגער ליינער פון דעם גליון 'וכל מאמינים', איז די טעמע פון אמן נאנט געווען צו זיין הארץ. "דאס איז די ענטפער!", האט ער געזאגט צו זיך מיט התרגשות, "איך דארף זיך מתחזק זיין אין דער ענין פון ענטפערן אמן".

ר' חיים האט פארגעזעצט צו זאגן תהלים. אנקומענדיג נענטער צו די ענדע האבן זיינע אויגן באמערקט נאך א פסוק (קט לא): "כי יעמוד לימין אביון להושיע...". און אט באמערקט ער אז די גימטריה פון די ראשי תיבות זענען "אמן"! יעצט האט ער שוין נישט געהאט א ספק.

מיט א פעסטן באשלוס האט רבי חיים זיך מקבל געווען זיך מחזק זיין אין ענטפערן אמן. פון יעצט אן וועט ער אנהויבן זיין טאג מיטן הערן די ברכות השחר פון די מתפללים, פארענדיגן זייערע ברכות און זוכה זיין צו אסאך ברכות שוין אינדערפרי. ער האט נישט געהאט קיין ספק אז די זכות וועט אים ביישטיין, און עס וועט נישט זיין אזוי ווייט דער טאג וואס זיין מזל וועט אויף אים צוריק שיינען. אבער ער האט זיך נישט פארגעשטעלט אז ער וועט זען די ישועה אין אזא קורצע צייט.

שוין אויפן וועג צוריק פון כותל המערבי, האט פלוצלינג געקלונגען דער טעלעפאן אין זיין טאש. עס האט זיך געהערט א באקאנטע שטימע - א פריינד פון זיין יוגנט מיט וועמען ער האט נישט גערעדט יארן. דער פריינד האט אים איבערראשט מיט אן אומגעראכטענעם פארשלאג: אלס דער אייגנטומער פון א געלונגענער נעץ פון געשעפטן, האט ער אים פארגעשלאגן ער זאל עפענען אזא געשעפט אין זיין שטאט.

רבי חיים האט זיך אנגערופן מיט טרויער "איך האב נישט קיין איין פיאסטער צו אינוועסטירן". אבער דער פריינד האט אים געענטפערט: "זארג נישט. איך וועל דיר בארגן די סומע וואס דו דארפסט צו עפענען דעם געשעפט און דיר צושטעלן די גאנצע סחורה. דו וועסט מיר באצאלן נאר דערנאך וואס דו וועסט פארקויפן און אנהויבן צו פארדינען".

רבי חיים האט אנגעהויבן זיין נייע רייזע מיט בטחון און אמונה. ער האט געארבעט מיט זיין גאנצע ענערגיע, און אין א קורצער צייט האט ער שוין געזען די הצלחה. מענטשן האבן געשטראמט אין די מאסן, די פארדינסטן זענען געשטיגן און די חובות זענען געפאלן. אבער נישט נאר דער געשעפט האט מצליח געווען, נאר אויך די אנדערע ביזנעס וואס ער האט אויפגעשטעלט אין דער זעלבער צייט, "דער געשעפט פון אמן", איז אויך געוואקסן.

יעדן אינדערפרי, אן א אויסנאם, פלעגט ער אויפשטיין פרי צו גיין אין שול צו ענטפערן נאך און נאך אמן'ס אויף די ברכות השחר פון די מתפללים. ער האט איינגעהאלטן זיין צוזאג מיט א פעסטקייט. און די צוויי געשעפטן האבן געבליט. און רבי חיים האט געוואוסט אן א ספק: איינס האט געברענגט דאס אנדערע.

"איך דאנק אייך פון טיפן הארץ פארן ארויפברענגען די טעמע פון ענטפערן אמן", שרייבט ר' חיים אין זיין בריוו, און ענדיגט: "'מבשרי אחזה' - איך האב זוכה געווען צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן ווי די מצוה פון ענטפערן אמן עפנט די טויערן פון ישועה".

•

ווען דער בריוו איז אנגעקומען צו הרב יעקב דוב מארמארשטיין נשיא בני אמונים, האט ער באמערקט אז עס איז דא נאך א שייכות צווישן די צוויי רמזים: צווישן קאפיטל ט אין תהילים ווי דארט ערשיינט דער ערשטער רמז, צו קאפיטל קט ווי דארט איז דער צווייטער רמז, זענען דא פונקט הונדערט קאפיטלעך, אקעגן די צאל פון די מאה ברכות וואס דוד המלך האט מתקן געווען זאגן יעדן טאג.

## די חשיבות פון כוונה ביים זאגן די בקשה

אויף די געוואלדיגע חשיבות פון די בקשה "ונהיה אנחנו וצאצאינו...", קענען מיר לערנען פון די ווערטער פון רבינא (נדרים פא א), וואס איז אנגעפרעגט געווארן, פארוואס טרעפט זיך נישט אז די קינדער פון די תלמידי חכמים, זאלן אויך זיין תלמידי חכמים? און האט געענטפערט אז דאס איז צוליב "שאין מברכים בתורה תחילה". ערקלערט דער מפרש (שם ד"ה שאין) ווייל זיי געבן נישט אכטונג צו זאגן ברכות התורה פאר זיי לערנען - ווערט נישט ערפילט ביי זיי די בקשה "ונהיה אנחנו וצאצאינו...".

אין דער ענין פון די בקשה שרייבט דער של"ה (שער האותיות אות ד דרך ארץ אות כז) וזה לשונו: "שטענדיג זאל זיין די תפילה פון די טאטע און מאמע געוואוינט אין זייער מויל, צו בעטן אויף זייערע קינדער זיי זאלן זיין 'לומדי תורה וצדיקים ובעלי מדות טובות'. און מען זאל שטארק אינזין האבן ביי ברכת התורה ווען מען זאגט 'ונהיה אנחנו וצאצאינו...'. און אזוי אויך ביי 'אהבה רבה' ווען ער זאגט 'אבינו אב הרחמן ...' זאל ער טראכטן אויף זיינע קינדער און קינד'ס קינדער עד סוף כל הדורות, און אזוי אויך ווען ער זאגט ביי די תפילה פון 'ובא לציון' - 'למען לא ניגע לריק ולא נלד לבהלה' - ביי די אלע פלעצער זאל ער שטענדיג דאווענען בכל לבבו ובכל נפשו".

> "ונהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו כולנו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה"

•

א וואונדערליכע הערה אין דער ענין פון די געבעט ווערט געברענגט אין ספר 'שומר אמת' (תפילה עמ' מט): "איך האב געזען וואס זענען מעורר אז עס לוינט זיך אז דער מענטש זאל אינזין האבן יעדן קינד עקסטער ווען ער זאגט 'ונהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו יודעי שמך ולומדי תורתך'".

•

דער נאדבורנער רבי בעל 'דבר חיים' האט אמאל געפרעגט פון איינעם אין וועלעכע שטיקל ביים דאווענען האט ער אינזין אז זיינע קינדער זאלן מצליח זיין אין תורה. דער איד וואס איז געווען א תלמיד חכם, האט באלד געענטפערט: דער 'משנה ברורה' (מז כ) ברענגט דאך פון של"ה הק' אז אויף די קינדער דארף מען דאווענען אין דריי פלעצער: ביי ברכות התורה, ביי די ברכה 'אהבה רבה' און ביי די תפילה 'ובא לציון'.

דער רבי וואס האט הנאה געהאט פון די ענטפער, האט צוגעלייגט: "איך וועל דיר זאגן נאך א פלאץ וואו מען דארף בעטן אויף דעם - ביי 'אמת ויציב', ביי די ווערטער "על בנינו ועל דורותינו" ('פניני פרשת השבוע' ח"א עמ' תקמז).

## די געבעט אויף דריי דורות

דער ב"ח (או"ח מז) האלט אז מען דארף אויסרעכענען "צאצאינו וצאצאי צאצאינו". לויט וואס חז"ל זאגן (בבא מציעא פה א): "כל שהוא תלמיד חכם, ובנו תלמיד חכם, ובן בנו תלמיד חכם - שוב אין התורה פוסקת מזרעו, שנאמר (ישעיה נט כא): 'ואני זאת בריתי אותם אמר ה' רוחי אשר עליך ודברי אשר שמתי בפיך לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך - אמר ה' מעתה ועד עולם'". לויט די גמרא קומט אויס אז עס איז דא א באזונדערע ענין וואס דער מענטש דארף בעטן אויף זיך, זיין זון און אייניקל זיי זאלן זיין בני תורה, ווייל אויב זיין בקשה וועט אנגענומען ווערן איז ער פארזיכערט אז די תורה וועט בלייבן "מעתה ועד עולם".

אבער דער 'מגן אברהם' (ריש סי' מז) קריגט און האלט אז מען דארף נישט זאגן "וצאצאי צאצאינו", ווייל דיווארט "צאצאינו" איז טייטש קינדער און קינד'ס קינדער, און אויך אויב מיר ווילן אינזין האבן די אייניקלעך, איז גענוג מיר זאלן זאגן "ונהיה אנחנו וצאצאינו".

## ברכת התורה איז נישט ווי די ברכה נאך א ברית

רבי יוסף שאול נאטאנזאהן פרעגט אויפן ב"ח וואס האלט אז מען דארף יא ארויסזאגן "צאצאינו וצאצאי צאצאינו" פארוואס ביי די ברכה נאך א ברית זאגט מען: "אשר קידש ידיד מבטן וחוק בשארו שם וצאצאיו חתם באות ברית קודש", און תוספות (שבת קלז ב ד"ה ידיד) ערקלערט: "ידיד" - דאס איז אברהם אבינו, "שארו" - דאס איז זיין זון יצחק, "וצאצאיו" - איז יעקב מיט זיינע קינדער, וואס זיי זענען צאצאים פון יצחק, זעט מען אז "צאצאיו" איז כולל אין זיך קינדער און קינד'ס קינדער?

ענטפערט ער לויט די באקאנטע ווערטער פון זוהר הקדוש (וישלח קסט א) אז ביים דאווענען דארף מען ארויסזאגן די בקשות ווי עס דארף צו זיין. דערפאר, ביי די תפילה "והערב נא" וואס איז א בקשה, דארף מען אויסרעכענען "וצאצאי צאצאינו" כדי צו דערמאנען עקסטער די אייניקלעך, אבער די ברכה נאך א ברית איז בגדר הודאה, און ביי הודאה איז גענוג דערמאנען בקיצור - "וצאצאיו" ('יד שאול' יו"ד רסה).

## די מצוה פון תלמוד תורה – ללמוד וללמד

רבי משה סאלאווייטשיק פון ציריך זאגט:

אנדערשט פון אלע מצוות וואס ביי די ציווי אויף זיי ווערט דערמאנט נאר דער מענטש אליין, און נישט זארגן אויף אנדערע, איז ביי די ציווי אויף לימוד התורה יא ארייננגערעכנט די חיוב צו לערנען מיט אנדערע, כדי די תורה זאל נישט פארגעסן ווערן. אזוי ווי דער רמב"ם שרייבט אויף די מצוה פון תלמוד תורה (ספר המצוות, עשה יא): "היא שצוונו ללמוד חכמת התורה וללמדה, וזהו שנקרא תלמוד תורה. והוא אמרו (דברים ו ז): 'ושננתם לבניך', ולשון ספרי (שם לב): 'לבניך אלו תלמידך'".

דער יסוד שטימט אויך מיט דעם וואס נאר ביי די ברכה אויף לערנען האבן די חכמים מתקן געווען א באזונדערע בקשה אז די תורה זאל זיך האלטן ביי 'צאצאינו וצאצאי צאצאינו וצאצאי עמך בית ישראל', א זאך וואס מיר טרעפן נישט ביי אנדערע ברכות המצוות ('והאיש משה' פרשת ואתחנן).

## "צאצאינו" און נישט "זרעינו"

פארוואס ביי די ברכה האט מען מתקן געווען זאגן "צאצאינו", און נישט "זרענו" אזוי ווי עס שטייט איבעראל?

ענטפערט דער 'חתם סופר' אז מיר דערמאנען דווקא דעם אויסדרוק "צאצאינו", ווייל אין די ווארט זענען דא צוויי מאל די אותיות צ"א וואס זענען בגימטריה די צוויי שמות הק' הוי"ה און אדנ"י, מרמז זיין אויף די כח הקדושה וואס וועט זיך דאפלען לעתיד לבוא ('דרשות חתם סופר' ח"א דף קי).

נאך ערקלערט האדמו"ר רבי דוד חי אבוחצירא שליט"א: אותיות צ"א זענען בגימטריה אמן. דארפאר זאגן מיר ביי די ברכה עטליכע מאל "צאצאינו", כדי באלד אידערפרי זאל מען דערמאנען די זכות פון ענטפערן אמן (ספר 'בני אמונים' עמ' 88).

## א שיצונג אין זכות פון ענטפערן אמן

"אֶהֱבוּ אֶת ה' כָּל חֲסִידָיו אֱמוּנִים נֹצֵר ה' וּמְשַׁלֵּם עַל יֶתֶר עֹשֵׂה גַאֲוָה" (לא כד)

אין זוהר הק' (ויקרא רפו א) ווערט פארטייטש דער פסוק (תהלים לא כד): "אמונים נוצר ה' ומשלם על יתר עושי גאוה" אויף ענטפערן אמן. דער 'מקדש מלך' (שם) ערקלערט אזוי די כוונה, דער פסוק: "אמונים נוצר ה'" איז טייטש אז דער אויבערשטער געבט אכטונג דער וואס ענטפערט אמן, און "ומשלם על יתר עושי גאוה" לערנט אונז אז דער וואס מיט זיין שטאלץ איז מזלזל אין ענטפערן אמן, חלילה, ווערט באצאלט און געשטראפט.

אין ספר 'שומר אמונים' (מאמר פתחו שערים פרק כ) לייגט ער צו אז די ווארט "נוצר ה'" גייט ארויף אויף די אמן זעלבסט, אז הקב"ה היט אפ יעדע אמן עס זאל באשיצן און אכטונג געבן דעם מענטש בזה ובבא. לויט דעם לייגט צו דער 'שומרי אמונים': "אויב אזוי, וויאזוי ווערט דער מענטש נישט מאכן א קל וחומר: אויב דער באשעפער היט אפ אלע אמן'ס, וויאזוי קען זיין אז איך וועל נישט אפהיטן אלע אמן'ס נישט צו פארלירן?!".

## לקיים מילי דברכות – דורך ענטפערן אמן

"אֶהֱבוּ אֶת ה' כָּל חֲסִידָיו אֱמוּנִים נֹצֵר ה' וּמְשַׁלֵּם עַל יֶתֶר עֹשֵׂה גַאֲוָה" (לא כד)

דער מגיד פון בראד, רבי משה אויסטרער ערקלערט:

אין מסכת ברכות (ל א) ברענגט די גמרא דריי דעות אויף וואס זאל מקפיד זיין דער מענטש וואס וויל זיין א חסיד: רב יהודה זאגט ער זאל זיין געווארנט אין עניני נזיקין; רבא זאגט ער זאל מקיים זיין וואס עס שטייט אין מסכת אבות, און עס זענען דא וואס זאגן ער זאל אכטונג געבן אין עניני ברכות. לכאורה, דארף מען פארשטיין, זיך דערוויטערן פון צוברענגען א שאדן פאר א צווייטן, אזוי אויך די מוסר וואס ווערט דערמאנט אין מסכת אבות, זענען טאקע מעשי חסידות, אבער וואס איז די באזונדערע חסידות ביים אפהיטן עניני ברכות?

נאר די כוונה איז אז א חסיד אין ברכות איז דער וואס איז מקפיד צו זאגן זיינע ברכות פאר איינעם וואס וועט ענטפערן אמן נאך זיי, ווייל מיט דעם איז ער משלים די ברכות. לויט דעם, דאס איז אויך די כוונה אין דער פסוק: "אהבו את ה' כל חסידיו" - לויט אלע דריי דעות וואס ווערט געברענגט אין גמרא, צווישן זיי אויך דער וואס געבט אכטונג אויף עניני ברכות, מיטן תנאי אז ער איז שומר "אמונים", ד.ת.מ. אז ער געבט אכטונג אז זיינע ברכות זאלן געענטפערט ווערן מיט א אמן, ווייל "נוצר ה'" זיין זכות אויף די אמן פון די צוהערהער, וואס דאס איז משלים זיינע ברכות ('דרש משה').

אין יו"ט שבועות צייכענען מיר אפ די יארצייט פון דוד מלך ישראל, דער גרינדער פון די נצחיות'דיגע מלכות אין כלל ישראל - מלכות בית דוד. דוד המלך האט איבערגעלאזט געוואלדיגע כוחות וואס באגלייטן אונז א גאנץ לעבן, און מער פון דעם איז זיין תהלים וואס די אידישע ליפן רוקן זיך נישט אוועק פון דעם, און זיינע פסוקים באגלייטן יעדן איד אין לויף פון זיין גאנצן לעבן.

לכבוד דעם טאג האבן מיר צוזאמגענומען און אנגעגרייט אזוי ווי יעדע'ס יאר טייטשן און רמזים אין די פסוקים פון תהלים איבער די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן:

## ענטפערן אמן מאכט גרויס די ברכה

"גַּדְּלוּ לַה' אִתִּי וּנְרוֹמְמָה שְׁמוֹ יַחְדָּו" (לד ד)

דער מפרש אין מסכת נזיר (סו ב ד"ה אחד) טייטש אז דער פסוק ברענגט ארויס דעם בשותפות'דיגן כח פון דער מברך און דער וואס ענטפערט אמן. אנהויב דער פסוק "גדלו לה' אתי" זענען די ווערטער פון דער מברך וואס רופט אנדערע זאלן מיט אים גרויס מאכן דעם נאמען פון ה' דורך ענטפערן אמן, און דער המשך "ונרוממה שמו יחדיו" - באציט זיך צו דער וואס ענטפערט אמן וואס שטעלט זיך צו צו דעם מברך און צוזאמען דערהויבט די נאמען פון ה'.

ווי באקאנט, ענטפערן אמן איז נישט נאר ווי א הסכמה מיט די ווערטער פון דער מברך נאר עס איז א חלק פון די ברכה, און מיטן ענטפערן אמן ווערט די ברכה מושלם און דורך דעם ווערט די ברכה זעלבסט מער חשובער (ראה משנ"ב קסז כ).

לויט דעם קען מען טייטשן די טיפקייט פון דער פסוק: דער מברך רופט אנדערע "גדלו לה' אתי", ענק האבן די מעגליכקייט צו גרויס מאכן מיין ברכה און משלים זיין די איין ווארט וואס פעלט - אמן. און די וואס ענטפערן אמן זאגן אז ווען זיי ענטפערן אמן זענען זיי אויך מחשיב די ברכה - "**ונרוממה** שמו יחדיו" ('אהל שלמה').

## ניינציג אמנים ברענגען צו חיי העולם הבא

"יֵשֵׁב עוֹלָם לִפְנֵי אֱלֹקִים חֶסֶד וֶאֱמֶת מַן יִנְצְרֻהוּ" (סא ח)

די ווערטער "ואמת מן" זענען מרמז אויף די חיוב פון ענטפערן ניינציג אמנים אין א טאג, ווייל אמן איז דאך טייטש אמת, און די ווארט "מן" איז גימטריה ניינציג. און דער פסוק זאגט אז הקב"ה טוט א חסד מיטן מענטש אז אין זכות וואס ער איז מקפיד אויף ענטפערן ניינציג אמנים יעדן טאג וועט ער זוכה זיין אז "ינצרהו" מן השמים פון אלעס שלעכט'ס, סיי אין עולם הזה און סיי אין עולם הבא, און מיט דעם וועט ער זוכה זיין עס זאל מקויים ווערן ביי אים: "ישב עולם לפני אלקים" ('מנחת יוסף' ח"ב בהקדמה).

## "מחיל אל חיל" אין זכות פון אמן

"יֵלְכוּ מֵחַיִל אֶל חָיִל יֵרָאֶה אֶל אֱלֹקִים בְּצִיּוֹן" (פד ח)

**רבי עמנואל חי ריקי** בעל 'משנת חסידים' זאגט:

ווען מיר וועלן צוזאמשטעלן די ערשטע און לעצטע אות פון די ווארט "**בציון**" וועלן מיר האבן די ווארט "**בן**", און ווען מיר וועלן צוזאמשטעלן די ראשי און סופי תיבות פון די ווערטער "**אלקים בציון**", וועט אויסקומען "**באמן**". ווייל אין זכות וואס דער זון ענטפערט אמן, ווערן זיינע עלטערן געראטעוועט פון די גיהנם, און ער ברענגט זיי ארויף מחיל אל חיל אין גן עדן, ביז זיי וועלן זוכה זיין צו זען דעם אויבערשטן צוזאמען מיט אנדערע צדיקים ('חזה ציון').

## אמן ברענגט אראפ שפע

"מַצְמִיחַ חָצִיר לַבְּהֵמָה וְעֵשֶׂב לַעֲבֹדַת הָאָדָם לְהוֹצִיא לֶחֶם מִן הָאָרֶץ" (קד יד)

רבי יחיאל גראס הי"ד א תלמיד פון 'ערוגת הבשם' זאגט:

די סופי תיבות פון: "להוציא לחם מן הארץ" זענען "**צ' אמן**", דאס איז א רמז אז דער וואס איז מקפיד אויף די תקנה פון חכמים נישט פארוויניגערן פון ניינציג אמנים יעדן טאג, איז זוכה צו אסאך שפע ('תורת יחיאל').

## לויבן אסאך דורך ענטפערן אמן

"אוֹדֶה ה' מְאֹד בְּפִי וּבְתוֹךְ רַבִּים אֲהַלְלֶנּוּ" (קט ל)

אין זיין ספר 'כה לחי' אויף תהלים ברענגט רבי חי הכהן פון די חכמי דזשערבא, אז די כוונה פון דוד ביים זאגן "אודה ה' **מאד**", איז געווען ער זאל לויבן מיטן ענטפערן אמן, וואס אויף דעם זאגן די חכמים (ברכות נג א) אז דאס איז נאך גרעסער פון די ברכה. און אזוי ווערט פארטייטש דער פסוק: "אודה ה' מאד". און אויב דו וועסט פרעגן מיט וואס וועט ארויסגעברענגט ווערן די גרויסע לויב? דורך "בפי" - וואס איז גימטריה "אמן" מיטן כולל.